דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת ויק"פ כ"ד אדר ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# גרינטלעכע געזעצן אין אהבת ישראל

**לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת ויקהל תשנ"ב**

ווי מיר האָבן געלערנט (פרשת תשא), דער נאָמען פון אַ פרשה באַדײַט אויף איר אינהאַלט. פרשת 'ויקהל' אויב-אזוי, ברענגט ארויס די נויטיקייט צו פאַרזאַמלען און פאַראייניקן די אידן. דאָס איז די באַוואוסטע מצוה פון די צוועלף פסוקים 'ואהבת לרעך כמוך', צו האָלט האָבן יעדער איד.

## שטענדיק מיט נאָך אַ אידן

אין יאָר תשנ"ב האָט מען געלייֵנט פרשת שקלים אין שבת פרשת ויקהל, און דער רבי מלך המשיח שליט"א געפינט דעם פאַרבונד צווישן די צוויי. ווען דער אויבערשטער זאָגט אָן משה רבינו אויף מחצית השקל זאָגט ער "עשרים גרה השקל, מחצית השקל תרומה לה'" [צוואַנציק גרה (– אַ קלייֵנער מטבע) איז אַ גאַנצער שקל, און אַלס אַ תרומה צום אויבערשטן דאַרפמען געבן אַ האַלבן שקל], דער אויבערשטער אונטערשטרײַכט אַז יעדער איד איז מער ניט ווי 'מחצית השקל' און נאָר ווען ער פאַרבינדט זיך מיט נאָך אַ איד איז ער אַ 'שקל הקודש'.

ד.ה., אַ זעלנער אין צבאות ה', אויך ווען ער איז אַן אויסערגעוויינלעכער תלמיד, לערנט תורה פלײַסיג און טוט מעשים טובים, ער איז נאָר 'אַ האַלב שקל', כדי צו זײַן אַ 'שקל הקודש' (אַ הייליגער שקל) – צו זײַן אַן איבערגעגעבענער זעלנער און געבונדן צום רבי'ן, דאַרף ער זיך פאַראייניקן מיט אַ צווייטער 'האַלב שקל'. אַז מ'זיצט מיט נאָך אַ אידן, מ'האָט ליב און מ'העלפט אַרויס אייֵנער דעם צווייטן, האָט דער רבי נחת, דאָס איז אַ שקל קודש!

## מיר זײַנען אַלע איין זאַך

דער רבי מלך המשיח שליט"א אונטערשטרײַכט, "ואהבת לרעך כמוך" נישט נאָר צו אַ איד וואָס איז נאָענט צו דיר, אויך צו איד וואָס געפינט זיך אין דער עק פון וועלט וואָס דו האָסט עם קייֵן מאָל נישט געזען. מענטשן האָבן מערסטנס ליב ווער ס'איז מיט זיי באַקאַנט, ווער ס'האָט זיי געטאָן אַ טובה און האָט זיי ליב. אָבער אהבת ישראל איז אַסאַך מערער, ס'פאָדערט זיך פון אונז ליב האָבן אָן קייֵן סיבה און אָן קייֵנע באַדינגונגען.

ווײַל אין אמת'ן איז יעדער אייֵנער פון אונז אַ 'חלק אלוקה ממעל ממש', מיר זײַנען אַלע אַ טייֵל פון דעם אויבערשטן. ווער ס'פילט אזוי, בײַט עם טאַקע נישט צי ער קענט דעם צווייֵטן צי ניט, ווײַל אין סײַ-ווי איז דער צווייֵטער אַ טייֵל פון מיר.

דער רבי מלך המשיח שליט"א לערנט דערפון אַ וויכטיקער געזעץ פאַר אונז:

**במקרה שיש לשלול אצל חבירו ענין בלתי-רצוי – הרי הצורה הכי יעילה לפעול זאת הוא על ידי שמשפיע עליו בדרכי נועם ובדרכי שלום.**

(אין אַ פאַל וואָס מ'דאַרף באַוואָרענען באַ זײַן פרייַנד אַן אומגעוואונטשענע זאַך, איז דער בעסטער וועג צו אויפטאָן דאָס איז דורכדעם וואָס ער ווירקט אויף אים

מיט פײַנע װעגן און מיט פֿרײַנדענע װעגן).

װען מ'װיל צוהעלפֿן אַ פֿרײַנד און פֿאַריכטן ניט גוטע מדות װאָס ער האָט, דאַרפֿן מיר דאָס טאָן פֿײַנערהײט און מיט ליבשאַפֿט, ניט אַטאַקירן אים חס ושלום. אויב מיר װעלן געדענקען די גאַנצע צײַט אַז מיר זײַנען אַלע אײן מציאות, מיר זײַנען אַלע אַ חלק פֿון ה' אחד, דעמאָלט אויך אויף אַט דעם פֿרײַנד װעלן מיר קוקן מיט אַ גוטע אויג און רײדן מיט אים נאָר בדרכי נועם ובדרכי שלום.

װי ס'איז שוין ערקלערט געװאָרן, אַן אמת'ע ליבשאַפֿט איז מעגלעך נאָר דורך אַן אמת'ער פֿאַרבונד צװישן אונז מיט דעם אויבערשטן.

אויך דער ענין איז אָנגעדײַטעט אין די מצוה פֿון מחצית השקל. אין יעדער שקל איז דאָ צװײ האַלבס, יעדער האַלב איז װערט צען גרה. דער אויבערשטער מיט אידן זײַנען אַזוי שטאַרק פֿאַרבונדן צװישן זיך, ביז אַז דער איד אַלײן איז אַ האַלב, און דער אויבערשטער אַלײן איז כביכול אויך נאָר אַ האַלב. אין דער 'האַלבן שקל' פֿון דעם אידן איז פֿאַראַן עשר כוחות הנפש, און אויך דער אויבערשטער האָט זיך אָנגעטאָן אין די עשר ספירות, און אַז בײדע פֿאַרבינדן זיך באַקומט זיך אַ גאַנצער שקל װאָס איז װערט צװאַנציק גרה.

## משיח

דער רבי מלך המשיח שליט"א קומט אַרויס מיט אַ שטורעמדיקע אויסרוף:

**כל הנ"ל בהדגשה מיוחדת, כשרואים בשנים האחרונות איך שנעשה ה"ויקהל" בפשטות – קיבוץ גלויות דבני ישראל מכל העולם, שעולים לארץ הקודש. והעלי' היא באין־ערוך להעליות שהיו פעם בדורות שלפני זה.**

(גאַנץ אויבן דערמאָנט איז ספּעציעל אונטערשטראָכן, װען מ'זעט אין די לעצטע יאָרן װי ס'װערט דער "ויקהל" בפשטות – קיבוץ גלויות פֿון אידן פֿון דער גאַנצער װעלט, װעלכע קומען אַרויף קײן ארץ הקודש. און די עלי' איז באין־ערוך צו די עליות װאָס זײַנען געװען אַמאָל אין די פֿריערדיקע דורות).

מיר האָבן זוכה געװען אָנצוקומען צו דעם זמן הגאולה, און אפילו דער קיבוץ גלויות האָט זיך שוין אָנגעהויבן (ד.ה. אַ מעין פֿון דער קיבוץ גלויות װאָס װעט אינגיכן זײַן אין דער גאולה און אַלס אַ הכנה און אַ הקדמה דערצו). אין די גאולה שלימה װעלן אַלע אידן זײַן צוזאַמען אין ארץ הקודש מיט די גרעסטע אײניקײט און ליבשאַפֿט, און איצט װען אידן הויבן שוין אָן אָנצוקומען קײן ארץ ישראל, װעלן מיר ספּעציעל אונטערשטרײַכן אונזערע ליבשאַפֿט צו יעדער איד.

## תכל'ס

אויך די װאָס זײַנען אײַנגעװאוינט געבן צדקה, זאָלן צוגעבן און געבן נאָך. װײַל שטענדיק קענמען צוגעבן, װער ס'האָט ביז איצטער געגעבן מעשר (אַ צענטל) קען געבן חומש (אַ פֿינפֿטל), און װער ס'האָט געגעבן חומש קען מקיים זײַן דעם פסוק "כל אשר לאיש יתן בעד נפשו" (אַלץ װאָס אַ מענטש פֿאַרמאָגט װעט ער געבן צוליב זײַן לעבן).

און דער רבי מלך המשיח שליט"א אונטערשטרײַכט, אַז מ'דאַרף ניט נאָר געבן צדקה מיטן האַנט, נאָר אויך טראַכטן און רעדן װעגן צדקה. כדי אַז אַלע אונזערע כחות זאָלן זיך משתתף זײַן אין די מצוה. און דעמאָלט װעט אויך דער אויבערשטער אונז געבן צדקה, און װעט פֿאַרזאַמלען אַלע אידן צו ארץ הקודש תיכף ומיד ממש, "קהל גדול ישובו הנה".

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק